קובץ

# תוך הנחל

דיבורים נוראים ונפלאים שנאמרו
בשבת קודש פרשת וישלח תש"ע
[אויף אידיש]

מפ"ק כ"ק הרה"צ **מוהרא"ש** שליט"א

יוצא לאור חודש כסליו תשע"א

# ליל שבת קודש פרשת וישלח ה'תש"ע

בליל שבת קודש בסעודה ראשונה דיבר מוהרא"ש נ"י דיבורים נוראים ונפלאים מאד על פי דברי רביז"ל בליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' כ"ד המדבר משמחת המצוות, עיין שם.

פתח ואמר מוהרא"ש נ"י, רביז"ל אומר (מוהרא"ש נ"י חזר בקיצור על כמה נקודות שבתורה זו של רביז"ל), **דע, שיש אור, שהוא למעלה מנפשין ורוחין ונשמתין, והוא אור אין סוף, ואף על פי שאין השכל משיג אותו, אף על פי כן רדיפה דמחשבה למרדף אבתריה, ועל ידי הרדיפה, אז השכל משיג אותו בבחינת מטי ולא מטי, כי באמת אי אפשר להשיג אותו, כי הוא למעלה מנפש רוח נשמה: ודע שאי אפשר להשיג אותו אפילו בבחינת מטי ולא מטי, אלא על ידי עשיית המצוות בשמחה, כי על ידי שמחת המצוה, נשלם הקדושה, ומעלה החיות והקדושה שבקליפות, כי כשעושה המצוה בשמחה, אזי מעלה השכינה, שהיא המצוה, שהיא שמחת הלב, מבין הקלפות וכו',** עיין שם כל זה בדברי רביז"ל.

והסביר מוהרא"ש נ"י, זיך צו פרייען אויף מקיים זיין מצוות איז העכער פון אלעם, און אזוי ווי דער אריז"ל האט אנטפלעקט פאר זיינע מענטשן, אז אלם וואס ער האט זוכה געווען צו זיינע מורא'דיגע מדריגות איז געווען דורך שמחת המצוות, ווייל ער איז פרייליך געווען אויף יעדע מצוה אזוי ווי ער וואלט פארדינט די גאנצע פארמעגן פון די וועלט, און אזוי ווי עס שטייט (דברים כח): "תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל [ווייל דו האסט נישט געדינט דער אייבישטער דיין גאט מיט שמחה און מיט א גוטן הארץ ווען דו האסט פוהל געהאט], און אזוי שטייט (תהלים קיט): "שש אנכי על אמרתיך כמוצא שלל רב" [איך בין פרייליך אויף דיינע רייד אזוי ווי איינער טרעפט א גרויסע פארמעגן], ווייל ווען א מענטש טוט א מצוה מיט שמחה, דאס איז א סימן אז זיין הארץ איז גאנץ פאר זיין גאט (ספר המדות אות שמחה סי' א'), ווייל ביי די גוים, אפילו דער וואס היט אפ אלע זייערע געזעצן, אלם איז ווייל ער האט מורא מ'זאל איהם נישט שטראפן, און דער סימן דערצו איז, אז תיכף ווען ער קען זיך אויסדרייען פון דעם, איז ער זייער פרייליך מיט דעם, אבער יודן זענען נישט אזוי, זיי זענען פרייליך צו מקיים זיין קיים רצון ה' מיט ליבשאפט (ליקוטי הלכות הלכות נשיאת כפים הלכה ד' אות ד'), דעריבער ווען א מענטש מאכט א מצוה מיט שמחה, איז זיין נפש, און זיין רוח, און זיין נשמה גייען ארויף עולות און זיי זענען זיך מדבק אינעם אייבישטער, און ער ציהט אויף זיך ארויף א גרויסע ליכטיגקייט העכער פון אלע עולמות.

breslevcity.co.il

און די פנימיות פון דעם איז, אז יעדע מצוה פארמאגט א מחשבה [טראכטן] דיבור [רעדן] ומעשה [טועהן], **"מחשבה"** איז די הכנה און זיין מחשבה וואס ער האט מקיים צו זיין די מצוה, און די דבקות פון זיין מחשבה ווען ער איז מקיים די מצוה, **"דיבור"** דאס איז די ברכה וואס מען זאגט אויף די מצוה, און אנדערע רייד וואס געהערן צו די קיום המצוה, און **"מעשה"** איז דאס מקיים זיין די מצוה בפועל ממש.

און יעדע מענטש האט א נפש, רוח, נשמה, וואס זיי זענען קעגן די דריי עולמות - עשיה יצירה ובריאה, **"נפש"** איז קעגן עולם עשיה, און דאס איז דער ענין פון "מעשה" וואס איז דא אין די מצוה, **"רוח"** איז קעגן עולם יצירה, און דאס איז די ענין פונעם "דיבור" וואס איז דא אין די מצוה, און **"נשמה"** איז קעגן די עולם הבריאה, און דאס איז די ענין פון דעם "מחשבה" וואס איז דא אין די מצוה, און ווען א מענטש איז מקיים א מצוה מיט א געוואלדיגע שמחה, מיט מחשבה דיבור ומעשה, און ער איז זיך מקשר זיין נפש רוח ונשמה צו השם יתברך, דעמאלט גייט ארויף דורך עולמות עשיה, יצירה, בריאה, ביז ס'קומט אן ביז צו עולם האצילות, וואס איז העכער פון נפש רוח ונשמה, וואס דארט ווערט אנטפלעקט די כבוד פונעם אייבישטער מיט א מורא'דיגע התגלות, ווייל ער איז נאצל פון אור האין סוף ברוך הוא, און דעמאלט זיין מוח מיט זיין מחשבה יאגן נאכן גרויסן ליכטיגקייט, און ס'קומט אן אויפן וועג פון "מטי ולא מטי", דאס הייסט, ס'קומט אן און ס'קומטן נישט אן, ווייל די מח יאגט נאך איהם און ער דערגרייכט איהם אביסל, אבער דערנאך אחר כך ווער ער צוריק דערווייטערט פון איהם, ווייל מ'קען איהם נישט דערגרייכן בשלימות, און ווען מען איז זוכה צו די השגה שפירט מען אלערליי ווינדערליכע תענוגים, וואויל איז דער וואס איז זוכה צו מקיים זיי א מצוה מיט שמחה, און צו פארזיכן פון איהר.

און ס'איז באוסט, אז דורך יעדע מצוה וואס א מענטש איז זוכה צו מקיים זיין, ווערט באשאפן א הייליגע מלאך, וואס באגלייט איהם און ער גיבט אכטונג אויף דעם, און אזוי ווי חז"ל זאגן (שמות רבה פרשה לב סי' ו'): 'א מענטש מאכט איין מצוה, דער אייבישטער גיבט איהם איין מלאך איהם אכטונג צו געבן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים לד) חונה מלאך ה' [רוהט דער מלאך פונעם אייבישטער], טוט ער צוויי מצות, גיבט איהם דער אייבישטער צוויי מלאכים איהם אכטונג צו געבן, אזוי ווי עס שטייט (שם צא): ווייל זיינע מלאכים וועט ער פארבאטן דיך אכטונג צו געבן אין אלע דיינע דרכים, טוט כר אסאך מצות גיבט איהם דער אייבישטער האלב פון זיין מחנה'; עיין שם, און דאס ווערט געטוהן אפילו דורך די פשוט'סטע איד וואס איז זוכה צו מקיים זיין מצות ה' מיט תמימות, כל שכן ווען א מענטש איז זוכה מקיים צו זיין א מצוה מיט א גרויסע שמחה, און ער איז זיך מדבק זיין נפש, רוח מיט נשמה צו די מצוה, באשאפט ער א הייליגע

breslevcity.co.il

מלאך וואס איז כלול פון אלע לעבעדיגקייטן פון אלע עולמות, און דורך איהם איז ער מעלה די חיות מיט די קדושה פון צווישן די קליפות, און ער איז מכניע אינגאנצן די שלעכטיץ, דעריבער וואויל איז דער וואס איז זוכה צו מקיים זיין מצוות ה' מיט שמחה, ווייל דעמאלס וועט ער ממשיך זיין אויף זיך א געשמאקע און א מורא'דיגע ליכטיגקייט פון אלע עולמות, און העכערע מלאכים גיבן אויף איהם אכטונג אין אלע זיינע דרכים, און ער וועט זעהן עולמו בחייו, וואויל איז פאר איהם און וואויל איז פאר זיין חלק.

וקישר מוהרא"ש נ"י את הענין הנ"ל לפרשת השבוע בקשר נורא ונפלא מאד, ווייל עס שטייט (בראשית לב) **וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו ארצה שעיר שדה אדום**, ופירש רש"י, מלאכים ממש, און די מפרשים האבן מדקדק געווען, וואס איז די פירוש פון מלאכים **"ממש"**, איז דען דא מלאכים וואס זענען נישט 'ממש', אבער לויט די רבינ'ס ווערטער קען מען דאס גוט פארשטיין. ווייל מלאכים **"ממש"** זענען גאנצע מלאכים וואס ווערן באשאפן פון התדבקות נפש רוח מיט נשמה אין שמחת המצוות, דורך דעם וואס ער האט מקיים געווען די מצוה אין יעדע מחשבה, דיבור ומעשה זיינע, און אזעלעכע מלאכים האט יעקב געשיקט פאר עשו מכניע צו זיין, זיין שלעכטיץ און צו מעלה זיין די קדושה פון צווישן די קליפות.

און דאס איז מרומז אין די ווערטער **"וישלח יעקב"**, ווייל **וישל"ח** איז בגימטריא **ושמ"ח**, צו מרמז זיין אויף די ענין פון שמחת המצוות, און אזוי ווי ער האט געשיקט צו עשו, **"עם לבן גרתי"**, או רש"י זאגט **גרת"י** איז בגימטריא **תרי"ג**, כלומר, מיט לבן הרשע האב איך געוואוינט און תרי"ג מצוות האב איך אפגעהיטן, עיין שם. ווייל "שמרתי" איז א לשון פון ארבעטן, אין אזוי ווי עס שטייט (בראשית לז) ואביו "שמר" את הדבר, ווייל דער וואס פרייט זיך באמת מיט די מצוות פון ה' אלקיו, ווארט ער אלעמאל ער זאל מקיים זיין נאך א מצוה און נאך א מצוה, און דאס איז זיין גאנצע חיות מיט די שמחה.

דעריבער אין דעם כח פון די הייליגע מצוות האט יעקב אבינו געשיקט מלאכים **ממש** פאר עשו מכניע צו זיין – זיין שלעטיץ, און ארויפברענגען די קדושה וואס איז געווען געפאנגען ביי איהם. און דאס איז 'ממש', איז ראשי תיבות **מ**'לאכי **ש**'מחת **מ**'צות, וואס דווקא דורך די שמחת המצוות, קריגן די מלאכים זייערע כח. זאל דער אייבישטער אונז מזכה זיין אנצוקומען צו שמחת המצוות מיט אן אמת, און ממשיך צו זיין אויף אונז דעם אור אין סוף ברוך הוא, בי זמיר וועלן זוכה זיין ארויפצוגיין און אינגאנצן נכלל ווערן אינעם אייבישטער, מעתה ועד עולם אמן ואמן.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית